# פרשת חיי שרה ט"ז– כ"ב חשון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן ק"נ סעיף ה'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** פסוק (בראשית יח-יב) זאגט, ותצחק שרה בקרבה לאמור, אחרי בלותי היתה לי עדנה, ואדוני זקן, ווי אזוי קען זיין אז איך זאל האבען א קינד, און אברהם איז אלט. און דער אייבערשטער האט פארגעהאלטן פאר אברהם אבינו, למה זה צחקה שרה לאמר האף אמנם אלד ואני זקנתי, היפלא מה' דבר.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (תורת משה בפרשתנו נג:) זאגט, מען געפונט, אז אמאל טוט זיך דער אייבערשטער מגלה זיין אזוי ווי א זקן, און אמאל טוט זיך דער אייבערשטער מגלה זיין אזוי ווי א גבור ואיש מלחמה. מען זאגט אין אנעים זמירות, ויחזו בך זקנה ובחרות, אמאל זעהט מען ביים אייבערשטען 'זקנה', דער אייבערשטער איז זיך מגלה ווי א זקן. און אמאל זעהט מען ביים אייבערשטען 'בחרות', אז דער אייבערשטער איז זיך מגלה אזוי ווי א בחור. עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כח-ג). זקנה ביום דין, ובחרות ביום קרב. ביום דין פירט זיך דער אייבערשטער מיט די בחינה פון זקנה, דער אייבערשטער איז זיך מגלה ווי א זקן. ובחרות ביום קרב, אין א יום קרב איז זיך דער אייבערשטער מגלה אזוי ווי א בחור. ביי קריעת ים סוף האט זיך דער אייבערשטער מגלה געווען אזוי ווי א גבור וואס פירט א מלחמה, ה' איש מלחמה ה' שמו (שמות טו-ג), דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען אין די בחינה פון בחרות. אבער ביי מתן תורה האט זיך דער אייבערשטער מגלה געווען אזוי ווי א זקן וואס איז יושב בישיבה.

**דער יערות דבש** (ח"א דרוש ג') ברענגט צו פונעם **אר"י הק'**, אז ווען דער אייבערשטער איז זיך מגלה אזוי ווי א זקן, דעמאלטס איז אלעס נאר בדרך הטבע. ער איז רואיג אזוי ווי א זקן וואס איז יושב בישיבה, וואס זיצט אויף זיין פלאץ, און פירט נישט קיין מלחמות. אלעס גייט גראד, בדרך הטבע, עס איז איינגעשטעלט אין א סדר, אזוי ווי די בחינה פון זקן. ווען דער אייבערשטער איז זיך מגלה מיט נסים שלא כדרך הטבע, אזוי ווי עס איז געווען ביים ים סוף, איז ער אזוי ווי א בחור, אין די כלים, מיט די כוחות, אזוי ווי מען פירט מלחמות, ווי דער סדר איז, אז א יונגע מענטש איז מער אויסגעשטעלט פאר מלחמות ווי א זקן. און וועגן דעם האט זיך דער אייבערשטער מגלה געווען ביי קריעת ים סוף אזוי ווי א בחור, חוץ לדרך הטבע.

**ווען** דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו שרה מיט איר נביאות, האט זי געזען די גילוי פונעם אייבערשטען אין די בחינה פון א זקן, וואס איז יושב בישיבה. און די ביאור דערפון איז, ווייל די גמרא (נדרים ח.) זאגט, 'אין גיהנם לעתיד לבא', לעתיד לבא וועט נישט זיין קיין גיהנם, נאר דער אייבערשטער וועט ארויסנעמען די זון פון איר האלטער, צדיקים מתרפאים בה, און די רשעים וועלן נידון ווערן מיט די זון. די זעלבע זון וועט איינער געהיילט ווערן, און איינער וועט נענש ווערן דערמיט.

**דעם** טאג וואס דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו שרה האט דער אייבערשטער מוציא געווען חמה מנרתיקה, אזוי שטייט אין די גמרא (בבא מציעא פו:) אויפן פסוק (בראשית יח-א) והוא יושב פתח האהל כחום היום, אז דער אייבערשטער האט מוציא געווען חמה מנרתיקה. ווען איז דער אייבערשטער מוציא חמה מנרתיקה? אין א טאג פון א דין. און זקנה ביום דין, אין א טאג פון דין, איז זיך דער אייבערשטער מגלה ווי א זקן. און ווען דער אייבערשטער איז זיך מגלה ווי א זקן, דעמאלטס גייט אלעס נאר בדרך הטבע. האט זי נישט פארשטאנען ווי אזוי קען זיין, אז מען זאגט איר אז זי גייט געהאלפן ווערן מיט א קינד, וואס דאס קינד וועט זיין שלא בדרך הטבע, און דער אייבערשטער איז זיך מגלה אין די בחינה פון א זקן, וואס א זקן גייט אין דרך הטבע.

**האט** זי געזאגט, ווי אזוי קען זיין, אז אחרי בלתי היתה לי עדנה, וואס דאס איז דאך חוץ לדרך

הטבע, ואדוני זקן, און דער רבונו של עולם האט זיך דאך מגלה געווען אזוי ווי א זקן, און ביי א זקן גייט דאך אלעס נאר בדרך הטבע. האט דער אייבערשטער געזאגט, היפלא מה' דבר, פונעם אייבערשטען איז נישט קיין חילוק צווישן א נס און א טבע. אז דער אייבערשטער געבט א נס, קען ער געבן א טבע אויך. עס איז נישט א פלא, אפילו דער אייבערשטער איז זיך מגלה אזוי ווי א זקן, קען זיין א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע. אזוי שטייט אין **חתם סופר**, און אין **יערות דבש**.

*

**און** עס איז באמת א געוואלדיגע מוסר השכל. די פשוטע פשט פון די ווערטער ואדוני זקן איז, אז זי האט גערעדט פון איר מאן. אויף זיך האט זי געזאגט, אחרי בלתי היתה לי עדנה, איך בין שוין אלט, ואדוני זקן, און מיין מאן איז אויך אלט. און ווי אזוי קען זיין, אז צוויי אלטע מענטשען זאלן האבען קינדער. אבער ווען דער אייבערשטער האט איבערגעזאגט אירע ווערטער פאר אברהם אבינו, האט דער אייבערשטער משנה געווען. און דער באשעפער האט געזאגט, אז זי האט געזאגט, האף אמנם אלד, ווי אזוי קען זיין אז איך זאל געבוירן, ואני זקנתי, און איך שרה בין אלט. דער באשעפער האט נישט איבערגעזאגט פאר אברהם, אז זי האט געזאגט ואדוני זקן.

**און** רש"י זאגט, אז שרה האט געזאגט אויף אברהם ואדוני זקן, אבער דער אייבערשטער האט נישט געוואלט איבערזאגען פאר אברהם אבינו, וואס שרה האט געזאגט אויף אים, מפני השלום. דער באשעפער האט נישט געוואלט שטערן די שלום בית צווישן אברהם און שרה. וואס פאר א ענין פון שלום בית איז דא אין דעם. ווען דער אייבערשטער זאל יא איבערזאגען פאר אברהם אבינו, אז דיין ווייב האט געזאגט, ואדוני זקן, אז דו ביסט אלט. האט דען אברהם נישט געוויסט אז ער איז אלט. ער לייקענט עפעס. און זי האט דען אויסגעקלאפט אין די מקוה אז ואדוני זקן, ותצחק שרה בקרבה, זי האט נאר געלאכט אינווייניג פאר זיך.

**נאר** וואס דען, ביי א מאן און א ווייב דארף זיין די שלום בית אזוי שטארק, אז מען זאל קיינמאל נישט ארויסברענגען א נעגאטיווע זאך איינער אויפן צווייטען. אפילו די פעלער איז דא, און יעדער ווייסט פון די פעלער, ער ווייסט, און זי ווייסט, און עס איז נישט דא וואס צו לייקענען דערין. פון דעסטוועגן דאך 'רעדט מען נישט פונעם פעלער'. אז מען רעדט, און מען ברענגט ארויס יענעמס א פעלער, אפילו מען ווייסט אז עס איז אמת, טוט עס ווי.

**אברהם** איז געווען א זקן, און שרה האט געזאגט, ואדוני זקן. האט דער אייבערשטער חס געווען, קען זיין, ווען ער וועט איבערזאגען פאר אברהם אבינו, אז זיין ווייב האט געזאגט אויף אים א באמערקונג, ואדוני זקן, וועט עס צורירן א געוויסע נקודה אין די שלום בית פון אברהם אבינו. האט כביכול דער רבונו של עולם, וואס איז כולו אמת, און חותמו אמת, משנה געווען, און ער האט געזאגט, אז זי האט נישט געזאגט ואדוני זקן, נאר זי האט געזאגט, ואני זקנתי.

**און** פון וועם רעדט מען. פון אברהם און שרה, וואס זענען נישט א יאר נאך די חתונה, נאר מען האלט שוין ביי די ניינציג און ביי די הונדערט יאר. און מען לעבט ב"ה גוט די אלע יארן צוזאמען. מען רעדט פון אזא בעל חסד ווי אברהם אבינו, וואס האט אלעס אוועקגעגעבן פאר יענעם, און פון דעסטוועגן דאך האט דער רבונו של עולם חס געווען, אז מען זאל נישט ארויסזאגען א נעגאטיווע זאך. עס איז א מוסר השכל פאר אונז זיך אראפצולערנען, ווי אזוי מען דארף זיך היטן מיטן דיבור, און קיינמאל נישט זאגען א זאך אין שטוב, אפילו מען ווייסט אז די זאך איז אמת, אויב עס איז א נחית דרגא, און עס איז א געוויסע באליידיגונג. דער אייבערשטער האט חס געווען אויף דעם וואס שרה האט געטראכט ביי זיך, בקרבה, ואדוני זקן, און דער אייבערשטער האט עס נישט איבערגעזאגט.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בניו התאומים של הרב **נחמן גרינצווייג** שליט"א, שהתקיים בבית מדרשנו הגדול

בבארא פארק. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **מאיר גרינפעלד** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **יקותיאל הלל שפיטצער** הי"ו (וומסב"ג). שהתקיים באולם שמח תשמח. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שלישי פרשת חיי שרה***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יעקב נפתלי בוקסבוים** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש באבוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **משולם מארטאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זאב מאיר כהנא** הי"ו, שהתקיים באולם רענעסאנס. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **ישראל וויינגארטען** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד שענקער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם שלום בראך** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד שטיינבערג** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שלמה פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב זילבער** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **מענדל קאלמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נחום גרינוואלד** הי"ו, שהתקיים באולם אימפּירעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **צבי דוב שאלאמאן** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת חיי שרה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרב רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **מרדכי אלימלך טעננענבוים** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **אשר זעליג שטיינבערג** הי"ו, חתן הר"ר **אברהם שלום בראך** הי"ו. ושל החתן **אהרן זילבער** הי"ו, חתן הר"ר **שלמה פריעדמאן** הי"ו.

# פרשת תולדות כ"ג– כ"ט חשון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת תולדות***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של ש"ב הר"ר **בערל ליכטענשטיין** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש צעהלים.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם מנורה.

אחר הבר מצוה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"א). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפינט די פאריגע וואך אין די פרשה, אברהם אבינו האט געשיקט אליעזר צו גיין זוכן א שידוך פאר יצחק, און אליעזר איז אנגעקומען צו בתואל אין שטוב, און ער האט געזאגט, ואבא היום אל העין (בראשית כד-מב). און רש"י זאגט, היום יצאתי והיום באתי, היינט בין איך ארויס, און היינט בין איך אנגעקומען, מכאן שקפצה לו הארץ, אליעזר האט געהאט קפיצת הארץ.

**עס** איז דא זייער א שיינעם רמז פונעם **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**. אז עס שטייט אין אנהייב פון די פרשה, ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו וילך, ער האט גענומען צען גמלים און ער איז געגאנגען, וכל טוב אדוניו בידו, און ער האט אויך מיטגענומען די גוטע זאכן וואס איז דא ביים אדון, ער האט מיטגענומען א שטר מתנה, ויקם וילך, און ער האט זיך אויפגעהויבן און ער איז געגאנגען, אל ארם נהרים. האט ער געפרעגט, פארוואס שטייט צוויי מאל 'וילך', ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו 'וילך', וכל טוב אדוניו בידו ויקם 'וילך', די ערשטע וילך איז איבריג, עס וואלט געדארפט שטיין, ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו, וכל טוב אדוניו בידו, ויקם וילך.

**עס** שטייט פונעם **בעל שם טוב הק'** (עיין בספר **בעל שם טוב** בפרשתנו) אז די שם פון קפיצת הארץ איז אהו"ה, אזוי ווי די ראשי תיבות פון בראשית ברא אלקים א'ת ה'שמים ו'את ה'ארץ (בראשית א-א). מען דארף וויסען ווי אזוי מען דארף עס מכוון זיין, אבער די וואס קענען עס מכוון זיין, קענען גיין מיט דעם שם. דער שם איז אויך מרומז אינעם פסוק ו'אבא ה'יום א'ל ה'עין, און ווי רש"י זאגט, היום יצאתי והיום באתי, מיט דעם שם פון אהו"ה בין איך היינט אנגעקומען, 'מכאן' פון די ראשי תיבות דא, קפצה לו הארץ, האט ער געהאט קפיצת הארץ.

**האט** דער **בעלזער רב** געזאגט, אז דאס איז מרומז דא אין פסוק, ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו וילך, ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, וכל 'טוב', 'טוב' איז בגימטריא זיבעצן, אזוי ווי די שם אהו"ה, וואס באטרעפט אויך זיבעצן. ער האט מיטגענומען אויך דעם שם פון 'טוב', וואס איז אהו"ה, 'ויקם', איז ער געשטאנען אויף איין פלאץ, 'וילך', און פון דעסטוועגן דאך איז ער געגאנגען. ווייל אז מען גייט מיט קפיצת הארץ, שטייט מען אויף איין פלאץ, און דער ערד איז קפצה לו.

**מען** זעהט אז אליעזר האט זיך די גאנצע צייט געיאגט. ער איז געגאנגען מיט קפיצת הארץ, און ווען ער איז אנגעקומען אויף ארם נהרים, האט ער מתפלל געווען הקרה נא לפני 'היום', דער אייבערשטער זאל אים מזמין זיין, אז היינט זאל עס געשען. עס איז שוין לעת ערב, לעת צאת השואבות, עס איז שוין באלד נאכט, און ער וויל אז די שידוך זאל זיך נאך היינט ענדיגען. און ווען ער איז אריינגעקומען צו בתואל אין שטוב, האט ער געזאגט, לא אוכל עד אם דברתי דברי, איך מוז קודם ענדיגען דעם שידוך, און נאכדעם וועלן מיר עסן. וואס איז געווען די יאגעניש פון אליעזר צו ענדיגען דעם שידוך, אז פארדעם איז ער געגאנגען מיט קפיצת הארץ. פארוואס האט ער נישט געקענט נעמען א פאר טאג ביז ער קומט אן, און דעמאלטס וועט ער אויספירן די שליחות.

**עס** שטייט אין גמרא (סנהדרין קז.), אז דוד המלך האט געפרעגט דעם אייבערשטען, פארוואס זאגט

מען אלקי אברהם, אלקי יצחק, ואלקי יעקב, און מען זאגט נישט אלקי דוד. דוד המלך האט געוויסט זיין מדרגה, אז ער קען זיך פארמעסטען מיט די אבות, און ער האט געפרעגט, פארוואס מען זאגט נישט אלקי דוד. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ווייל זיי האב איך מנסה געווען, און דיך האב איך נישט מנסה געווען. זיי האט איך געפרובט אז איך קען זאגען אלקי אברהם, אבער דיר האב איך נישט געפרובט.

**האט** דוד המלך געזאגט פארן אייבערשטען, בחננו ה' ונסנו (תהלים כו-ב), פרוב מיך אויך. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו בעטסט א נסיון, איך וועל דיר געבן א נסיון. און איך וועל דיך נאך גרינגער מאכען דעם נסיון, פון די נסיונות וואס איך האב געגעבן פאר די אבות. פאר די אבות האב איך נישט געזאגט, מיט וואס איך גיי זיי מנסה זיין. איך האב זיי געברענגט א נסיון, און זיי האבען נישט געוויסט בשעת די נסיון אז דאס איז זייער נסיון. און פאר דיר זאג איך, אז איך גיי דיר מנסה זיין מיט א דבר ערוה, און מיר וועלן זעהן צו דו וועסט עומד זיין. און דוד איז שפעטער נכשל געווארן מיט די מעשה פון בת שבע. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, וועגן דעם זאגט מען נישט אלקי דוד, ווייל דו ביסט נישט אין די מדרגה פון די אבות. זאגט די גמרא, אז פון דעם קען מען זיך אראפלערנען, אז א מענטש דארף זיך נישט ברענגען צו א נסיון. און דוד המלך אליין האט געזאגט (שם יז-ג), זמותי בל יעבר פי, הלוואי וואלט איך געהאט א שלאס אויף מיין מויל, און איך וואלט נישט געזאגט פארן אייבערשטען בחננו ה' ונסני.

**און** עס איז א מוסר השכל, א מענטש דארף אכט געבן, אז ער זאל זיך נישט ברענגען צו א נסיון, און מיר זענען יעדן טאג מתפלל, ואל תביאנו לידי נסיון, דער באשעפער זאל אונז נישט צוברענגען צו א נסיון. א מענטש קען זיין וואויל און ערליך און אלעס גייט גוט, אבער ווען ער האט א נסיון קען ער נישט וויסען צו ער וועט אדורכפאלן צו נישט. און כל שכן אז א מענטש זאל זיך אליין ברענגען צו א נסיון, מיט די היינטיגע טעכניק וואס איז מלא נסיונות, דארף זיך א מענטש היטן דערפון, און אוועק גיין פון א זאך וואס איז א נסיון. דוד המלך האט געהאט א נסיון בדבר ערוה, און ער האט נישט געקענט עומד זיין בנסיון, און ער איז נכשל געווארן.

**אויסצופירן** דעם שידוך פאר אברהם, איז געווען א געוואלדיגע נסיון פאר אליעזר. אליעזר האט געהאט א טאכטער, און רש"י (בראשית כד-לט) זאגט, אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי, אל"י כתיב, אליעזר האט געהאט א טאכטער, און ער האט געזוכט א וועג, אז ער זאל ווערן א מחותן מיט אברהם אבינו, און עס איז געווען א געוואלדיגע נסיון פאר אליעזר, אז ער זאל טון די שליחות, ארויסצוגיין זוכן א שידוך פאר יצחק, וואס איז אקעגן זיין אינטערעסע. ער האט א טאכטער, וואס איז צוגעפאסט פאר יצחק, און ער האט א אינטערעסע אז ער וויל זיך משדך זיין מיט אברהם, און אברהם זאגט אים, אין ארור מדבק בברוך, מיר זענען נישט קיין פאר, און מיר קענען זיך נישט משדך זיין. - עס קען אבער זיין, אז אויב אברהם וועט נישט טרעפן א אנדערע שידוך, וועט ער טוישן זיין מיינונג, און ער וועט יא נעמען אליעזר'ס טאכטער. און פון דעסטוועגן דאך האט אליעזר נישט געקוקט אויף גארנישט, און ער איז געגאנגען אויספירן דעם שליחות, ווי אן אמת'דיגער געטרייער עבד, עבד אברהם אנכי.

**פאר** אליעזר האט נישט געקענט זיין א בעסערע שידוך ווי יצחק. א רייכע שטוב, ואברם כבד מאוד במקנה בכסף ובזהב (בראשית יג-ב), אזא מחותן א צדיק וועט ער נישט טרעפן נאך איינס אין די וועלט. און אזא איידעם ווי יצחק, איז אויך נישט דא אין די וועלט. און דער אייבערשטער האט צוגעזאגט, כי ביצחק יקרא לך זרע, והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים, גאנץ כלל ישראל וועט ארויסקומען פון אים. און אליעזר האט א געלעגנהייט, אויב עס געלונגט אים דער שידוך, אז גאנץ כלל ישראל וועט זיין זיינע דורות. און דא גייט מען טון א שידוך, און וועם נעמט מען, בתואל, א רשע. ווער איז די אחי האם, די ברודערס פון רבקה, לבן וכדומה. און דער שידוך האט נאך נישט געפאסט אינגאנצן, ווייל יצחק איז אלט געווען פערציג יאר, און רבקה איז אלט געווען דריי

יאר. דריי מיט פערציג איז נאכנישט אזא פאָר, און ער וואלט געקענט צוריק אהיימקומען, און נישט אויספירן די שליחות, און זאגען פאר אברהם, איך האב געטון אלעס, איך האב געטראפן נאר א שטוב פון עובדי עבודה זרה, און רוצחים וואס האבען מיר געוואלט הרג'ענען, און איך בין דמשק אליעזר, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, איך קען מיך פארמעסטן מיט אברהם אבינו, לאמיר גומר זיין די שידוך צווישן אונז. אליעזר האט געהאט א געוואלדיגן נסיון, און ער האט עומד געווען בנסיון. און אין מדרש (ב"ר ס-ז) שטייט, אז ווייל ער האט עומד געווען אין דעם נסיון, און ער האט ערליך באדינט זיין רבי, איז ער יצא מכלל ארור לכלל ברוך, און ער האט אים געזאגט, בוא ברוך ה' (בראשית כד-לא). דו ביזט מער נישט קיין ארור, נאר דו ביסט א ברוך.

**על** כל פנים עס איז געווען א געוואלדיגער נסיון פאר אליעזר, אז ער זאל אויספירן דעם שידוך. און אליעזר האט זיך שוין געוואלט זעהן דערנאך, ער האט געוואלט פטור ווערן פון דעם נסיון ווי שנעלער, און זיין דערנאך. אל תאמין בעצמך עד יום מותך (אבות ב-ד), היינט איז ער דערביי, צו טון די שליחות פון זיין רבי, אבער ער דארף נאך האבען צוויי וואכן צו זיין אינטערוועגנס, זיבעצן טאג האט גענומען די וועג אנצוקומען קיין חרן אן קפיצת הדרך, און אין די צוויי וואכען קען אים אונטערקומען אסאך ערליי מחשבות, וואס וועט אים טוישן פון דעם וואס ער האט יעצט אינזין געהאט, און ער האט נישט געוואלט האבען דעם נסיון. האט ער געבעטן קפיצת הארץ, היום יצאתי והיום באתי, ער איז היינט ארויסגעפארן, און הקרה נא לפני היום, ווייל היינט בין איך ביי די מחשבה, איך וויל זיין גוט, וויל איך עס היינט ענדיגען, לא אוכל עד אם דברתי דברי. עס איז יפה שיחתן של עבדי אבות, אונז צו לערנען, אז מיר זאלן וויסען, ווי אזוי א מענטש דארף זיך היטן, אז ער זאל זיך נישט ברענגען צו א נסיון.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער של כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

***<u>יום שני פרשת תולדות</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור בן הר"ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר מנחה עברו בחורי הישיבה לאחל מזל טוב לרגל הולדת הנכדה אצל חתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ירושלים).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל דוד היימליך** הי"ו. שהתקיים באולם קראסנא.

*

***<u>יום שלישי פרשת תולדות</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש באלחוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **בערל ליכטענשטיין** ע"ה.

*

***<u>יום חמישי פרשת תולדות</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים, אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם בראדי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**ויגדלו** הנערים ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, ויעקב איש תם יושב אהלים (בראשית כה-כז). אין די מפרשים שטייט, אז ביי עשו שטייט צוויי מאל איש, און ביי יעקב שטייט איין מאל איש. עשו איז געווען 'איש' יודע ציד, 'איש' שדה, און יעקב איז

געווען 'איש' תם יושב אהלים. די חילוק צווישן יעקב און עשו איז געווען, יעקב איז געווען כליבו כן פיו. יעקב איז די זעלבע סארט מענטש, סיי ווען ער איז אין בית המדרש, און סיי ווען ער איז אויף די גאס, און סיי ווען ער איז אין ביזנעס. ווי ער איז, איז ער דער זעלבער יעקב. אבער עשו איז נישט געווען דער זעלבער, אין די גאס האט ער זיך אויפגעפירט ווי עשו הרשע, און ווען ער איז אריינגעקומען צום טאטען, איז ער געווען אן איש יודע ציד, ער האט געוויסט ווי אזוי מען קען נארן דעם טאטען. האיך מעשרין את המלח, האיך מעשרין את התבן וכו'.

**ויגדלו** הנערים ווען די קינדער זענען גרעסער געווארן, ויהי עשו, איז עשו געווען א דאפלטער איש, איש יודע ציד, ער האט געוויסט ווי אזוי מען קען נארן דעם טאטען. און איש שדה, אינעם שדה איז ער געווען אן אנדערער איש, פון וואס ער איז געווען אין שטוב. אבער יעקב איש תם, יעקב איז געווען בתמימות, כליבו כן פיו, יושב אהלים, סיי ער איז געווען אין דעם אהל, און סיי ווען ער איז געווען אינעם צווייטען אהל, איבעראל האט ער אויסגעקוקט דער זעלבער. אין אלע אהלים איז ער געווען דער זעלבער, ווייל ער איז געווען אן איש תם. ווייל אן ערליכער יוד איז איבעראל דער זעלבער, און איינער וואס איז נישט ערליך, טוישט ער זיך זיין צורה לפי המקום ולפי המצב.

**עס** קען זיין, אז דער פסוק זאגט אויך דעם טעם, פארוואס יעקב איז געווען אן איש תם. די גמרא (קידושין ל:) זאגט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, אז מען זיצט און מען לערנט תורה, האט מען די כוחות אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, אבער אויב עס פעלט תורה, האט דער מענטש נישט קיין כח, און ער איז איינמאל אזא איש, און איינמאל א צווייטער איש, ער איז אייביג אין אן אנדערע צורה. יעקב איש תם, יעקב האט וועגן דעם זוכה געווען אז ער איז געווען אן איש תם, ער איז געווען בתמימות, ער איז אלץ געווען דער זעלבער איש, ווייל יושב אהלים, ער איז געזעצן אין אהלי שם ועבר, ער איז געזעסן און געלערנט, אז מען האט תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, קען מען זיין אן איש תם.

אבער עשו איז נישט געווען א יושב אהלים, ער האט נישט געהאט קיין געדולד צו זיצען און צו לערנען, און אז מען זיצט נישט און מען לערנט, וואקסט מען אויס, אן איש יודע ציד איש שדה.

**איך** האב געטראכט, אין מדרש (ב"ר מו) שטייט, אז מילה ווערט אנגערופן תמים, התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א). ווילאנג מען האט א ערלה, און מען איז נישט געמל'ט, איז מען נישט קיין תמים, אבער בשעת מען נעמט אראפ די ערלה, ווערט דער מענטש נשלם, און ער ווערט א תמים. און וועגן דעם האט אים דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון מילה, התהלך לפני והיה תמים. עס שטייט אין **דעת זקנים** (פ' משפטים), אז יעקב אבינו איז נולד מהול, ער איז געבוירן געווארן געמל'טערהייט. יעקב איז געווען איש תם, בשעת ער איז געבוירן געווארן, האט ער שוין געהאט דעם תמימות. - וואס איז די מעלה אז מען איז נולד מהול? עס מוז דאך זיין עפעס א חשיבות, אז די תורה איז מעיד אויף געוויסע מענטשן אז זיי זענען געבוירן געווארן געמל'טערהייט. עס מוז דאך זיין עפעס א זאך וואס דאס לערנט אונז.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה), אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, נאר אויב מען איז געמל'ט. דער מדרש ברענגט א מעשה אז אונקלוס הגר האט זיך געוואלט מגייר זיין, און זיין פעטער, אנדרינוס קיסר, האט אים געזאגט, איך פארשטיי אז דו האסט געוואלט לערנען זייער תורה, ווייל דו ווילסט זיין געלערנט, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי (תהלים קמז-יט), נאר אויב איינער איז געמל'ט אזוי ווי יעקב, קען ער זוכה זיין צו תורה. און אזוי ווי איך האב געוואלט לערנען תורה, האב איך זיך געמוזט מל'ן, ווייל מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, ווען מען איז נישט געמל'ט. מילה ברענגט צו א פתיחת הלב, אז מען זאל קענען לערנען תורה.

**די** גמרא (נדה ל:) זאגט, אז בעפאר א קינד קומט אראפ אויף די וועלט, לערנט א מלאך מיט אים כל התורה כולה, און ווען ער קומט אראפ אויף די

וועלט, פארגעסט ער וואס מען האט געלערנט, און מען דארף אנהייבען פון פריש זיך צו פלאגן. עס שטייט פונעם הייליגען רבי ר' אלימלך זי"ע (עיין בליקוטי שושנה ד"ה משוך), וואס איז דער ענין אז מען לערנט כל התורה כולה, אויב מען פארגעסט עס. האט ער געזאגט, אז פון דעסטוועגן דאך בלייבט א רשומא אינעם מענטש, עס בלייבט א רושם פון די תורה וואס מען האט אמאל געלערנט. און וואס מיר לערנען היינט, חזר'ן מיר איבער וואס מיר האבען שוין אמאל געלערנט.

**אבער** די תורה וואס מען האט געלערנט במעי אמו האט א פראבלעם, ווייל ער איז נאכנישט געווען געמל'ט, און מען האט פריער געזאגט, אז ווילאנג א מענטש איז נישט געמל'ט קען מען נישט האבען די השגה פון תורה. קומט דאך אויס, אז אפילו עס בלייבט ביי א יעדן מענטש א השגה פון די תורה וואס ער האט געלערנט במעי אמו, אבער עס איז א שוואכע תורה, ווייל עס איז געלערנט געווארן פאר מען איז געווען געמל'ט. אבער ווען איינער האט דעם זכות אז ער איז נולד מהול, קומט דאך אויס, אז די תורה וואס ער האט געלערנט במעי אמו, איז געווען אזא תורה וואס ער האט געלערנט נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט אין זיך די תמימות פון מצות מילה, האט די תורה א קשר צו אים, אז שפעטער ווען ער לערנט תורה און ער וואקסט אויף, קען ער זוכה זיין צו זיין באמת א עמוד התורה.

**אזוי** ווי יעקב איז געווען דער עמוד התורה. די אבות האבען זיך צוטיילט, אברהם איז געווען דער עמוד החסד, יצחק איז געווען געווען דער עמוד העבודה, עמוד התפלה, ויצא יצחק לשוח בשדה (בראשית כד-סג). יעקב איז געווען איש תם יושב אהלים, זיין עבודה איז געווען אין לימוד התורה, האט דער אייבערשטער געוואלט אז דער עמוד התורה זאל זיין א ריינע תורה, איז וועגן דעם יעקב נולד מהול, כדי ווען ער לערנט כל התורה כולה במעי אמו, זאל ער שוין לערנען נאכדעם וואס ער איז געמל'ט, און די תורה זאל זיין אויף א העכערע מדרגה.

**זאגט** דער פסוק, ויעקב איש תם, ווייל יעקב איז געווען אן איש תם, ער איז נולד מהול, ער איז געבוירן מיט די תמימות, וועגן דעם איז ער געווען א יושב אהלים, און ער האט זוכה געווען צו זיין דער עמוד התורה. ווייל צו זיין דער עמוד התורה קען מען נישט זוכה זיין, נאר ווען מען האט געלערנט תורה בקדושה, נאכדעם וואס מען איז שוין געווען געמל'ט.

**דאס** איז דער ענין אז ווען א טאטע ברענגט אריין זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, ווייל טאמער עס פעלט די מצוה פון ברית מילה, קען ער נישט אריינגיין אין תורה, ווייל מען קען נישט האבען א השגה אין תורה, אן דעם וואס מען איז געמל'ט. כשם שנכנס לברית, נאכדעם וואס מען איז מכניס דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, האט ער די יכולת דערצו, אז ער זאל קענען זוכה זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

אחר הברית קבע **רבינו שליט"א** מזוזה בהחדר החדש שנבנה בבית מדרשנו.

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **זאב שווארץ** הי"ו (מאנסי). **רבינו שליט"א** קבע מזוזה והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה והתפלל שם תפלת מנחה. אחר התפלה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת תולדות</u>***

**רבינו שליט"א** שבת על שבת קודש בבארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין הזמירות והניגונים השמיע

**רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. גם שרו ניגוני שמחה לרגל השמחה בבית **רבינו שליט"א** בהולדת הנכדה אצל חתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**, **ורבינו שליט"א** איחל ברכת מזל טוב למחותנו **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** שהגיע להשתתף. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש.

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול. בקריאת התורה עלה החתן בן הר"ר **שלמה יהודא גראזינגער הי"ו**.

אחר התפלה התקיים הברית לבן הנולד אצל הר"ר **יואל פישער הי"ו** (בן הר"ר **וואלף פישער הי"ו**). **רבינו שליט"א** נתכבד בברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבה לכבוד השמחות, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, ושוחחו ביניהם עובדות וסיפורי צדיקים.

תפלת מנחה וסעודה שלישית נערך בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה לבאר מעשה אבות בעניני הפרשה, ובתום דבריו הוסיף דברים אחדים לחזק ולעורר בני קהלתנו להתאחד בחבורת 'ובהם נהגה' ללימוד ושינון מסכתות הש"ס.

***<u>וזה תוכן הדברים:</u>***

**איך** וועל ענדיגן מיט אפאר ווערטער וועגן די חבורה פון **ובהם נהגה**. מ'האט אנגעהויבן צו לערנען מסכת ברכות, ס'איז אדורך א חודש, געלויבט דער אייבערשטער ס'האבן זיך צוגעשטעלט הונדערטער יונגעלייט פון בני קהלתינו צום לערנען. פערצאענטעל איז דאס זייער א גרויסע פראצענט פון אונזער קהילה וואס האלט דערביי, און איך וויל עס נאר מחזק זיין און מעודד זיין - און דער וואס ס'האט זיך נישט צוגעשטעלט צום ערשטער פרק, קען אנהייבן דעם צווייטן פרק און גיין ווייטער.

**די** וואך וועט זיין די ערשטע בחינה. עס איז כדאי צו טייל נעמען דערין, זיך אליין צו פריווען וויאזוי מ'לערנט. ס'ברענגט ארויס פאר א מענטש זיינע פעאיגקייטן צו וואס ער קען אלץ צוקומען. ער קען אויך קענען! פארשטיין לערנען!. אלע האבן דאך געלערנט יונגערהייט אין ישיבות, אלע זענען בני תורה, אין מ'לערנט תורה, אמאל איז דאס לערנען נאר מ'דארף זיין די מצוה פון קביעת עתים לתורה, א שעה שפעטער וואס מ'האט אפגעלערנט פארגעסט ער פון וואס ער האט געלערנט, דער קאפ איז שוין נישט דארטן. אויב א מענטש ווייסט אז מ'דארף עס אויך קענען, סוף חודש וועט ער זיך פארהערן דערויף, לערנט ער עס אנדערש, און ער חזר'ט איבער נאכאמאל און נאכאמאל וואס ער האט געלערנט אז מ'זאל עס געדענקען. דער קאפ איז מלא תורה ווי ער גייט, אויך אין די געשעפטן, און ווי ער שטייט, האט ער אלץ וואס איבערצו'חזר'ן וואס מ'האט געלערנט. ס'איז א געוואלדיגער כח פאר התמדת התורה! מ'נעמט אויף זיך מיט צוהאלטן דעם בלאט, און אויך זיך לאזן פארהערן.

**אשרי** חלקם פון די וואס טוען צוהעלפן דערצו. צוהעלפן צו ארגאנאזירן, צו העלפן מיט די צעטליך פון חיזוק ועידוד, די וואס טוען צוהעלפן מיט די בחינות, און צייכענען די בחינות, ועל כולם די וואס העלפן צו מחזיק צו זיין במאודם אז מ'זאל עס קענען ווייטער אנהאלטן.

**איך** האב געזעהן שטיין פון **רבי מאיר שפירא**, דער **לובלינער רב ז"ל**, וואס ער האט אהערגעשטעלט דעם רעיון אז מ'זאל לערנען דף היומי, האט ער געזאגט, אז רבי עקיבא האט געהאט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, רבי עקיבא האט געלעבט אין זייער שטורמישע טעג וואס די מלכות האט אונטערדריקט תורה, מ'האט צום סוף גע'הרג'ט רבי עקיבא, סרקו את בשרו במסרקאות של ברזל, האט **רבי מאיר שפירא** געזאגט, מ'האט געפרעגט רבי עקיבא'ן, בני מי העלך, ווער האט דיך אזוי מעלה געווען אז דו ביסט צוגעקומען צו אזא מדריגה. האט ער געענטפערט 'דף של ספינה', דער דף וואס מ'לערנט, דער דף האט מיך אהערגעשטעלט.

**דאס** לעבן פון א מענטש איז אזויוי א ספינה! איינעם גרינגער איינעם שווערער. איך האב אמאל

נאכגעזאגט פון **תולדות אהרן רבי'ן זי"ע**, האט ער געזאגט וועגן א ענין, אז ער קוקט אסאך מאל אן, יונגעלייט נאך די חתונה שבעת ימי המשתה, טו איך מיר אלץ פארשטעלן, אז ס'קוקט אויס אזוי ווי מ'נעמט דעם חתן מיט די כלה, און מ'לייגט זיי ארויף אליינס אויף א שיף, און מ'שטעלט זיי אריין אין א ים, אין דעם ים וועט עסטץ דארפן די קומענדיגע זיבעציג יאר אדורכגיין אינאיינעם, ס'וועט זיין שטורמישע טעג, און ס'וועט זיין רוהיגע טעג, צוזאמען וועט מען זיך וואַרפן פון אין פלאץ צום צווייטן פלאץ, דאס איז מיין בילד, זאגט ער, אויפן לעבן שפעטער.

**וואס** איז דא היינט א ספינה אז מ'זאל זיך קענען מציל זיין פון די גלי הים, אז מ'לעבט אין אזא צייט היינט וואס דער גאנצער לעבן אין אידישקייט איז א סכנה! מיט די אלע זאכן וואס שטערן עס! אין לנו שיור רק התורה הזאת, נאר די תורה איז מציל. מיר האבן שוין היינט נישט קיין כח צו קיין דף, אבער א חצי דף איז אויך אן הצלה. ווען א איד לערנט תורה, איז על כל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי, אלע זיינע פראבלעמען וואס ער האט, מ'איז דאך מלא גלים, פראבלעמען אין גשמיות און רוחניות וואס קומען ארויף אויפן מענטש, אז מ'זאל זיך קענען מחזק זיין, לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי. ס'איז נישטא קיין גרעסערע הצלה פאר א מענטש ער זאל קענען אדורכגיין אזעלכע שווערע זמנים, נאר ווען ער ליגט אין תורה. תורה איז א דביקות אונעם אייבערשטן, תורה ברענגט אים צו אז ער זאל זיין נאנט צום באשעפער, די תורה אליינס איז משמח דעם נפש. ווען ס'איז דף של ספינה נזדמן לי, ווען איך האב דעם דף מיט'ן בלאט גמרא וועט מען קענען אדורכגיין, על כל גל וגל, יעדן גל וואס גייט אויף מיר אדורך, נענעתי לו ראשי, מיט מיין קאפ קען איך עס ענטפערן. דורכדעם וואס מיין קאפ ליגט אין תורה, איך טראכט פון לערנען, איך בין מסיח דעת פון די פראבלעמען, מסיח דעת פון די טירדות, דאס טוט מיר צוהעלפן אז איך זאל קענען אדורכגיין אלע סארט מצבים.

**ס'איז** זייער חשוב פאר יעדן איינעם וואס קען זיך משתתף זיין דערין, זאל דאס נעמען אויף זיך מיטצולערנען. געדענקן שטענדיג די פרשה פון יעקב אבינו. יעקב האט אונז אויסגעלערנט, ווי א מענטש איז, דארף ער שטענדיג דאס מקבל זיין מתוך שמחה וטוב לבב. יעקב האט געדינט דעם אייבערשטן כל זמן ער איז געווען א יושב אהלים, און ער האט געדינט דעם אייבערשטן ווען ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, אלעס האט ער מקבל געווען מתוך שמחה באהבה.

**די** ברכות יעקב איז דאך געווען די וואך אין די פרשה, אלעס איז דאך תלוי אינעם זמן וואס מ'ליינט אין די פרשה, זאל אויך אויף אונז חל זיין די ברכות וואס יעקב איז געבענטשט געווארן, ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש. מ'גייט דאך אריין יעצט אינעם נייעם חודש, דער אייבערשטער זאל געבן ס'זאל זיין א געבענטשטער חודש, א פרייליכער חודש, מתוך שמחה וטוב לבב, מקבל זיין משיח צדקינו בב"א.

*

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי ישעי' צבי בריעף שליט"א** אב"ד יעריסלוב, שהתקיים באולם ויואל משה.